**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט עיקר קאנסטרוקציע פארטיג אויף 19.4 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין סטעיט רוּט 390 אין מאנראו קאונטי

***פראיעקט האט פארבעסערט אויספלאסטערונג און בריקן פאר כמעט 80,000 טעגליכע באניצער פון די הייוועי***

***אינוועסטירונג ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" – דעם ראיאן'סברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די עיקר קאנסטרוקציע ארבעט איז פארטיג אויף א 19.4 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט וואס האט איבערגעמאכט די אויספלאסטערונג אויף 17 מיילן פון לעינס און מאדערניזירט זעקס בריקן לענגאויס סטעיט רוּט 390 צווישן Lexington Avenue און סטעיט רוּט 104 (Ridge Road) אין די טאַונס אָוו געיטס און גריס, מאנראו קאונטי, פארבעסערנדיג די רייזעס פון די נאענט צו 80,000 דרייווערס וואס באנוצן זיך מיט די שאסיי יעדן טאג. דער פראיעקט, וואס האט זיך אנגעהויבן אין אפריל פון 2022, בויט ארויף אויף א נאענט צו 192 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין לעצטיגע יארן לענגאויס די שאסיי, אריינרעכענענדיג דעם לעצטנס פארענדיגטן I-390/I-490 אינטערטשעינדזש פראיעקט.

"הויפט שאסייען ווי די סטעיט רוּט 390 זענען די רוקנביין פון אונזערע ראיאנישע עקאנאמיעס – אויפטרייבנדיג אינוועסטירונג און אויסברייטערונג אין די פינגער לעיקס און ווייטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע שטעלט אהער היסטארישע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור צו פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע הצלחה פון אונזערע קאמיוניטיס און צו אויפטרייבן וואוקס און ערפינדונג אריבער ניו יארק סטעיט."

צוזאמען מיטן אויסגלאטן די אויספלאסטערונג אין די גרעניצן פון דעם פראיעקט, האט דער פראיעקט אסאך פארבעסערט די דויערהאפטיגקייט און פארלענגערט די יארן פון זעקס בריקן וואס פירן אריבער די הייוועי העכער Lexington Avenue, Weiland Road און Latona Road דורכן:

- אינסטאלירן נייע דעקן אויף אלע זעקס בריקן, בשעת'ן זיך באנוצן מיט ספעציעלע צעמענט וואס ווערט בעסער אויסגעטרוקנט אויף די סטרוקטורן, רעדוצירנדיג שפאלטן און לעכער און פארלענגערט די יארן פון די בריקן.
- אינסטאלירן שטאלענע ריבאַרס איבערגעדעקט מיט איפּאַקסי וואס פארמיידט זיי פון ווערן פארראסטעט.
- אוועקשטעלן נייע און שטארקע בריק צוימען פון בעטאן וואס באשיצן דרייווערס אין פאל פון אן עקסידענט.

אין צוגאב האט דער פראיעקט איבערגעמאכט די ראמפעס ארויף און אראפ פון די הייוועי, ראמפעס אויף די טראטוארן און טראפיק סיגנאלן צו פארשטערקערן זיכערהייט פאר מערערע סארטן באניצער פון די וועג.

די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט ברענגט די סך הכל אינוועסטירונג לענגאויס די חלק פון די 390 שאסיי אינערהאלב די טאַונס אָוו געיטס און גריס צו נאענט צו 192 מיליאן דאלאר אין לעצטערע יארן, אריינרעכענענדיג דעם I-390/I-490 אינטערטשעינדזש פראיעקט וואס איז פארענדיגט געווארן אין 2021 און דעם רוט 390 טרעיל פארלענגערונג פראיעקט פארענדיגט אין 2022. צוגאבליכע לעצטיגע אינוועסטירונגען אין די I-390 אין דעם ראיאן רעכענען אריין דעם 35 מיליאן דאלארדיגן פראיעקט וואס האט איבערגעמאכט די שאסיי צווישן עקזיט 10 און 12 אין מאנראו און ליווינגסטאן קאונטיס פארענדיגט אין 2022 און אזוי אויך דעם אנגייענדן 27 מיליאן דאלארדיגן פראיעקט וואס מאכט איבער די שאסיי צווישן עקזיט 8 און 10, פלאנירט צו פארענדיגט ווערן שפעטער דאס יאר.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "מאדערניזירן די אינפראסטרוקטור אריבער דעם פינגער לעיקס ראיאן איז קריטיש צו פארזיכערן צוקונפטיגע ראיאנישע וואוקס, און די געציהלטע אינוועסטירונגען וואס די DOT האט געמאכט לענגאויס די קריטישע טראנספארטאציע שאסיי זענען פאר דורות — אינוועסטירונגען וואס האבן אן עכטע השפעה אויף די לעבנס פון ניו יארקער. צענדליגע טויזנטע מענטשן באנוצן זיך מיט די שאסיי יעדן טאג צו אנקומען וואו זיי דארפן גיין זיכערערהייט און ווירקזאמערהייט, און דער לעצטנס-פארענדיגטער פראיעקט וועט פארזיכערן די סטרוקטורישע שטארקייט און א גלאטערע אויבערפלאך פאר מענטשן וואס פארלאזן זיך אויף דעם שאסיי צו אנקומען דארט וואו זיי דארפן יעדן טאג."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די זעקס בריק פראיעקטן באצייכענען א קריטישע טריט פאראויס אין אונזערע באמיאונגען צו פארבעסערן אונזער פארעלטערטע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און בעסער אקאמאדירן די באדערפענישן פון טעגליכע רייזער און באזיכער צו ראטשעסטער. איך בין דאנקבאר פאר די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט און פאר גאווערנער האקול פאר זייער אנגייענדע ארבעט צו פארבעסערן זיכערהייט און צוגענגליכקייט און רוקן דעם פינגער לעיקס ראיאן אויף פאראויס."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוני האט געזאגט,** "די צענדליגע טויזנטע דרייווערס וועלכע פארלאזן זיך אויף די 390 יעדן טאג דארפן האבן א זיכערע און פארלעסליכע רוט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די NYSDOT פארן גיבן פריאריטעט פאר די פאררעכטונגען און מאדערניזירונגען און פארן זיכער מאכן אז אונזערע שאסייען און בריקן וועלן פארזעצן צו אמבעסטן באדינען אונזערע איינוואוינער און באזיכער צו אונזער קאמיוניטי פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד דעימאנד מיקס האט געזאגט,** "סטעיט רוט 390 איז א וועזנטליכע וועג וואס ווערט גענוצט דורך טויזנטע פון אונזערע איינוואוינער און פאמיליעס יעדן טאג. די פארבעסערונגען וועלן האבן דירעקטע השפעות אויף די זיכערהייט און וואוילזיין פון אונזערע איינוואוינער אריבער די טאון אָוו געיטס און די סיטי אָוו ראטשעסטער. אזוי ווי אויפלעבונג באמיאונגען זעצן פאר אריבער דעם פינגער לעיקס ראיאן, מוזן מיר אויך זיכער מאכן אז וויכטיגע רייזע שאסייען ווי רוט 390 – וואס פארבינדן דירעקט מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי מיט לאקאלע מיטלען און געלעגנהייטן – זענען סיי פארלעסליך און סיי צוגענגליך. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די מיטגלידער פון די NYS טראנספארטאציע דעפארטמענט פארן פארזעצן זייער פארפליכטונג צו די מענטשן פון גרעיטער ראטשעסטער."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאַש דזשענסען האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די עיקר קאנסטרוקציע ארבעט אויף די סטעיט רוט 390 איז א באדייטנדע אנטוויקלונג, און עס באצייכנט א דערגרייכונג אין אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו פארשטערקערן אינפראסטרוקטור, פארשטערקערן זיכערהייט און שטיצן עקאנאמישע וואוקס אין אונזער געגנט. דורכן אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור, טוהען מיר נישט בלויז פארזיכערן זיכערערע און גלאטערע רייזעס פאר יעדן, נאר מיר טוהען אויך גיסן די יסודות פאר צוקונפטיגע דעוועלאפמענטס. דער פראיעקט איז געווען א צוזאמענארבעטנדע אונטערנעמונג, און איך וויל אויסדרוקן מיין דאנקבארקייט פאר די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט און פאר אלע ארבייטער וועלכע האבן אוועקגעגעבן פון זייער צייט און כוח צו ברענגען דעם פראיעקט צו דורכגעפירט ווערן."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם דזש. בעלאָו האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס אינוועסטירונג אין די גאר-נויטיגע מאדערניזירונגען צו בריקן לענגאויס סטעיט רוט 390. די אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען מאכן אונזערע שאסייען זיכערער און פארבעסערן די רייזע ערפארונג פאר דרייווערס אריבער אונזער ראיאן. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר אייער פעלזן-פעסטע שטיצע."

**געיטס טאַון סופערווייזער, קאסמאָ א. גיונטא, האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר און וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר די פארגעזעצטע און אנגייענדע אינוועסטירונג אין די אינפראסטרוקטור אויף וועלכע אונזערע איינוואוינער פארלאזן זיך. וויכטיגער דערפון — איז דאס פארבעסערן די דויערהאפטיגקייט און זיכערהייט פון די גאס און בריקן אויף די I-390 שאסיי אין די טאַון אָוו געיטס."

**גריס טאַון סופערווייזער, ביל רייליק, האט געזאגט,** "דאס צושטעלן זיכערערע שאסייען און בריקן וועט האבן א סאלידע השפעה אויף אונזערע איינוואוינער און די וואס פארן צו און פון אונזער טאַון נוצנדיג די הויפט שאסיי. מיר זענען דאנקבאר פאר די אינוועסטירונג וואס ווערט פארגעלייגט דורך די גאווערנער און פאר די געשטיצטע אונטערנעמונג צו האלטן אונזער טאַון און אונזער סטעיט אינפראסטרוקטור שטארק און אין א גוטע צושטאנד. מיר זענען זיכער אז דאס וועט העלפן פארשטערקערן די זיכערהייט פון אונזערע דרייווערס און האבן א פאזיטיווע ווירקונג אויף אונזער לאקאלע עקאנאמיע."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט שטרעבט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, געדרעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באַרייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

לעבנס זענען געוואנדן דערויף — פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער פאר הייוועי ארבייטער.

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכענענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע קען מען זעהן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן